# דא"ח רעוא דרעוין פרשת משפטים תשס"ו

## ימי השובבי"ם – שקלים

### וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם וגו' (שמות כ"א, א')

**דעיין** רש"י הק' ד"ה לפניהם, לפניהם ולא לפני עובדי כוכבים, און אפי' אין געוויסן דין, פירן זיך די ערכאות אזוי ווי להבדיל די בתי דינין פון כלל ישראל, טאר מען נישט זיין קיין מוסר דינו לערכאות, ווייל ער איז מחלל שם שמים רח"ל, און איז מייקר שם עובדי כוכבים, אזוי ווי דער פסוק זאגט כי לא כצורנו צורם ואויבינו פלילים, כשאויבינו פלילים זהו עדות לעלוי יראתם.

**א] והנה** עס איז לכאורה שווער צו פארשטיין, נאך דעם וואס מיר זעהן דער גרויסע פגם און חילול ה' וואס קומט ארויס פון דער וואס גייט צו ערכאות פון אומה"ע, איז ווי קען זיין אז רוב פוסקים פסק'נען (עיין שו"ע חו"מ סימן כ"ו), און אזוי איז אויך דער מנהג ביי רוב מקומות, אז בי"ד האט א כוח צו געבן רשות פאר א בעל דין גיין צו ערכאות, מיר זעהן דאך אז אויף יעדער לאו אין דער תורה דארף זיך א מענטש אנשטרענגען נישט עובר צו זיין אויף דעם אפי' עס קאסט אים אפ זיין גאנצע פארמעגן (עיין שו"ע או"ח סימן תרנ"ו), איז פארוואס זעהן מיר דא אז הגם עס האנדלט זיך מיט חילול ה' דאך קען בי"ד מתיר זיין גיין צו ערכאות, און כאטשיג עס איז דא פוסקים וואס האלטן אז עס איז אסור בשו"א גיין צו ערכאות אבער דער מנהג איז ווי די פוסקים וואס זענען עס מתיר.

**און** אזוי אויך זעהן מיר אין די פסוקים ווייטער כי תקנה עבד עברי וגו', און ווי רש"י הק' שרייבט אז דא רעדט זיך כשמכרוהו ב"ד מפני גניבתו, זעהן מיר דא אויך א מורא'דיגע זאך אז ב"ד האט א כח צו פארקויפן א אידיש קינד, וואס השי"ת האט געזאגט כי לי בני ישראל עבדים, און בפרט ווי עס שטייט אין פסוק בנים אתם להוי"ה אלוקיכם, פאר אן עבד .

**נאר** דער פשט איז ווי מיר זעהן אין די הייליגע דברי חז"ל (שבת קי"ב ע"ב), אם ראשונים כמלאכים אנו כבני אדם ואם ראשונים כבני אדם אנו כחמורים, דהיינו איז אין די מדרגה פון די צדיקי הדורות, איז אין יעדן דור פארהאן א געוויסן בחי' פון א ירידה, אבער פון צווייטן זייט זעהן מיר די דרשת חז"ל (ר"ה כ"ה ע"א), אויפן פסוק ויעל

משה ואהרן וגו' ושבעים מזקני ישראל, פרעגן די חז"ל פארוואס ווערט נישט אויסגערעכנט די נעמען פון די שבעים זקנים, אלא ללמד אז אין אלע דורות פון כלל ישראל ווען עס וועלן זיך אויפשטעלן דריי דיינים צו פסק'ענען שאלות ולהורות את הדרך אשר ילכו בה, האבן זיי די זעלבע כח ווי דער הייליגע ב"ד פון די קדושי עליון בית דינו של משה, און ווי חז"ל זאגן ירובעל בדורו כמשה בדורו וכו', ווי דער פסוק זאגט אלוקים ניצב בעדת א"ל דהיינו אז דער התגלות השכינה וואס איז געווען ביים ב"ד של משה רבינו ע"ה, דער זעלבע אני הוי"ה לא שניתי איז דא ביי יעדע ב"ד פון כלל ישראל, עד כדי כך וואס דער גאנצער כח התורה וקידוש שם שמים ליגט אין זייערע הייליגע רשות, און טאמער זיי באפעהלן איינעם צו גיין צו ערכאות, ווערט די הליכה צו ערכאות א שטיק תורה און עס איז אוממעגליך אז עס זאל פון דעם ארויסקומען א חילול שם שמים ח"ו, און אזוי אויך האבן זיי און טאקע נאר זיי, די כח צו פארקויפן אן אידיש קינד וויבאלד זייערע כח איז ממש דער כח פון השי"ת ב"ה וב"ש.

**ולכן** ווענן דעם דארף א מענטש אנכאפן א פחד און א שרעק צו זיך געבן אפי' א ריר פונעם דרך וואס ב"ד איז אונז מצוה, ווייל דאס איז דער אמת'ע חילול שם שמים רח"ל, זיך אוועקצוקערן פון די הייליגע דרכים וואס ב"ד מיטן כח אלוקי טוהט אונז באפעהלן, און ווי עס קומט אויס פון די דברי חז"ל הק' איז דאס נאך ערגער ווי איינער גייט נישט אין די דרכים וואס די צדיקי הדורות טוען אונז הייסן, ווייל כח ב"ד איז דער זעלבע כח ווי דער ב"ד פון משה רבינו ע"ה אן קיין שום ירידת הדורות, און ח"ו צו מזלזל זיין אין זייערע הייליגע ווערטער אפי' בדרך צחוק וזילזול, ווייל דאס איז גאר א גרויסע פגם רח"ל, און דער מענטש איז מעורר גרויסע קיטרוגים אויף זיך רח"ל, און בפרט ווען ב"ד איז מתקן לפי חכמתם הטהורה פארשידענע תקנות לויט די פרצות פונעם דור, ח"ו ח"ו צו מזלזל זיין אין זייערע תקנות הק'.

**ב] והכתוב** אומר, ווי מיר לייגען די וואך דער הייליגע מצוה פון די שקלים, כי תשא את ראש בני ישראל וגו' ולא יהיה בהם נגף בפקד אותם, און עס ווערט געברענגט אין די כתבי האר"י הק' (עיין ספר הליקוטים), אז די נשמות פון כ"י ווערן אנגערופן און אזוי אויך איז זייערע פלאץ אין די נצח והוד דכתר (א) און השי"ת האט אראפגעשיקט די נשמות

---

**(א)** הקדמה כללית- כידוע איז ספי' הכתר צוטיילט אין צוויי חלקים, עתיק איז דער העכערע און פנימיות'דיגע חלק הכתר, און אריך אנפין איז דער קלענערע חלק הכתר, און דער סדר פרצוף האילן דהיינו דער סדר הספי' הק' וואס זייער מקום איז אין עולם האצילות, איז כמובן ספי' עתיק דער העכסטע ספי', און דאס איז מלביש אלע אינטערשטע ספי'.

דהיינו אין די מוחין דפרצוף עתיק [דהיינו כידוע איז ספי' עתיק א גאנצע פרצוף פאר זיך], האבן מיר נישט קיין שום השגה, און דאס ווערט אנגערופן רישא דלא אתיידע [רדל"א], נאר די ו"ק [דהיינו די זעקס מידות]

פון כ"י צו די עולמות בריאה יצירה עשי'ה, והנה עם ווערט געברענגט (עיין ע"ח שער השבירה) אז אין די זיבן מידות חסד גבורה תפארת נצח הוד יסוד מלכות איז געוווען בשעת בריאת העולם דער שבירת הכלים און דער בחי' פון מיתה, און כדי דאס צו מתקן זיין דארפן מיר דינען השי"ת מיט אלע כוחות ביז מיר וועלן זוכה זיין צו דער

---

פונעם פרצוף העתיק, ווערן נתלבש אינעם פרצוף האריך אנפין, דהיינו ספי' חסד דעתיק ווערט נתלבש אין כתר דאריך, ספי' גבורה דעתיק ווערט נתלבש אין חכמה דאריך, ספי' תפארת דעתיק [וואס ספי' תפארת ווערט אנגערופן בבחי' ישראל וויבאלד ער איז דער עיקר און שורש פון דער גאנצער ו"ק- זעקס מידות וואס אין א געוויסן בחי' ווערט זי ו"ק אנגערופן בחי' ישראל] ווערט נתלבש אינעם דעת דאריך.
און דערנאך ווערן די ספי' נצח הוד יסוד דעתיק נתלבש אין די מידות דאריך אנפין, אבער זיי זענען שוין א מדריגה ווייטער ווי די מוחין דאריך כמובן, און זיי ווערן אנגערופן בבחי' בני ישראל, און כמובן מאליו אז ווי ווייטער א ספי' איז פון איהר מקור ווערט זי א בחי' פון דינים וואס מען דארף איהר ממתיק זיין, אזוי אויך זענען די בחי' נצח הוד דכתר וואס זענען בבחי' בני ישראל וויבאלד זיי זענען נתלבש געווארן נאר אין די מידות דאריך און נישט אין די מוחין דאריך.
און וויבאלד די נשמות פון אידישע קינדער איז מרמז אויף די בחי' נצח הוד דכתר [בחי' בני ישראל], און אויך זענען די נשמות בנ"י מרמז אויף נצח הוד דכתר, וויבאלד זיי זענען אויך נתרחק געווארן פון זייער מקום, כידוע איז בשעת בריאת העולם געוועהן דער בחי' פון שבירת הכלים, דהיינו בקיצור אז וויבאלד די כלים פון די מידות הק' האבן נישט געהאט גענוג כוחות מקבל צו זיין די גרויסע אורות פון די מידות הק', האבן זיך די כלים צופלאצט, און די שברי הכלים זענען צושפרייט געווארן אין די גאנצע וועלט, און דאס דארפן מיר מתקן זיין און מעלה זיין, [הגם אפי' אין די מידות הק' אליינס איז אויך געווארן א געוויסן פגם, איז אבער דער פגם פון די כלים געוועזן אסאך שטארקער], ביז מען וועט זוכה זיין צום תיקון השלום, ולכן זענען אונזערע הייליגע נשמות אראפ אין די עולמות בי"ע וואס איז בעצם נתרחק געווארן פון עולם האצילות, כדי מען זאל קענען מעלה זיין די אלע ניצו' הק' למקום הקדושה.
און דורך אונזער עבודה אויף דעם עולם, ווערט ממילא אויבן אין די עולמות העליונים דער גרויסע עלי'ה און המתקת הדינים פון די ספי' נצח הוד דעתיק, דהיינו אז די ספי' נצח הוד זענען עולה נאך העכער פון ספי' חסד גבורה תפארת דעתיק, וואס זיי זענען מלובש אין די מוחין דאריך, און זיי זענען עולה צו די שערות וואס זענען העכער דעם ראש דאריך, דהיינו די בחי' פון ת"י נימין קדישין, וואס כידוע זענען די שערות דער בחי' פון השפעת האורות, דהיינו דורך אונזער עבודה ווערן בחי' נצח הוד דעתיק נתעלה און נמק צו בחי' ת"י נימין, וואס זענען די בחי' פון חסדים, און דורך די גרויסע שעשעועים וואס מען איז גורם פארן שכינה הק', איז מען ממשיך די השפעות פון די בחי' ש"ע נהורין, וואס זענען די בחי' פון די י"ג מידות של רחמים, אויף אונז אין דער עולם השפל, [און דער ביאור פארוואס די נצח והוד דארפן נתעלה ווערן אזוי הויעך, און עס איז נישט גענוג זיי מעלה צו זיין ביז די מוחין דאריך בחי' ישראל, איז דער פשט כידוע אז ווי נידריגער א ספי' איז בבחי' דינים, און עס ווערט נמתק באקומט עס נאר א שטארקן כח און אור נאכמעהר ווי דער סדר איז].
און בדרך עבודה איז דאס דער בחי' פון תפילות ויחודים, וואס נצח איז בבחי' אשר לקחתי בחרבי זאגט רש"י ממינט מען בניצחון התפילה, און אזוי אויך הודאות בחי' שבח והוד, און דאס איז דער בחי' פון

תיקון השלם, אבער אין אמת'ן איז נישט שייך אז אין דער פנימיות פון א אידישע נשמה זאל זיין דער בחי' פון שבירה און נפילה, און הגם עס איז שייך אז א איד פאלט אדורך מיט חטאים אבער דער פנימיות פון קדושת נשמת ישראל קען נישט פארטראגן די חטאים, נאר ער זיך שטענדיג משתוקק צו השי"ת מעהר און מעהר און ווי עס איז ידוע אז אין דער פנימיות פון יעדער אידישע נשמה איז נישט שייך קיין שום פגם (עיין לקו"מ ח"ב ז' ג').

**אבער** וויבאלד די נשמת ישראל וואס זענען אין דער בחי' פון נצח הוד דכתר, און וואס זיי זענען אראפגעקומען אין די עולמות בי"ע כדי צו מתקן זיין די כללות'דיגע שבירת הכלים און אויך זייערע אייגענע ירידה, ממילא איז שייך אז דער סט"א זאל זיך אנכאפן אין זיי אין די בחי' פון נצח והוד דכתר (ב), וויבאלד זיי געפונען זיך אין די עולם השפל, און דאס איז גורם אז דער מענטש קען נישט מבחין זיין צווישן טוב און רע און אזוי דערנאך קען ער ח"ו האבן א ירידה און א נפילה, דער עצה צו דעם איז מעלה צו זיין דער בחי' נצח והוד צו זייערע אמת'ע מקום וואס דאס איז דער בחי' פון די שערות הראש בסוד ת"י נימין קדישין שברישא דארוך אנפין, וואס דער ווארט ת"י איז ר"ת תפילות און יחודים, דהיינו אז דער עיקר עבודה פון כ"י בפרט אין אונזער דור אחרון, איז אריינצולייגן כוחות אין עבודת התפילה אזוי ווי דער הייליגע בעש"ט ותלמידיו הק' זי"ע האבן אונז מגלה געווען אז דער עיקר חיזוק אינעם דור האחרון הזה איז אריינצולייגן גרויסע כוחות אין עבודת התפילה.

**און** ווי דער פסוק זאגט לא תשימון עליו נש"ך, דהיינו אז דער עבודה פון כ"י איז אז מען זאל זוכה זיין צו דער אמת'ע תיקון, וואס דאס איז די בחי' פון די ת"י נימין קדישין וואס דורכדעם איז מען זוכה צו די גרויסע הארה פון די ש"ע נהורין

---

שקל הקודש, דהיינו כי תשא את ראש בנ"י ונתנו איש כופר נפשו וגו', דהיינו מיטן אמת'ע עבודת השי"ת איז מען מעלה אונזערע נשמות וואס זענען בבחי' נצח הוד דכתר העכערן ראש דהיינו מקום השערות.

און דערנאך איז מען מעלה דער ספי' יסוד דעתיק וואס איז בעצם נאך נידריגער פון נצח הוד דעתיק, און ווי פריער דערמאנט אז ווי נידריגער א ספי' איז, און מען איז דאס מעלה ווערט זי נתעלה גאר הויעך צו דער גרעסטע מקומות החסדים, ולכן ווערט ספי' יסוד [וואס פארשטטיט זיך אז זי ווערט אנגערופן בבחי' בנ"י] נתעלה, צו דער אורח דהיינו דער וועג וואס שניידט אדורך אינמיטן די מקום השערות, וואס אין איהר אליינס איז נישט פארהאנען קיין שערות וויבאלד דאס איז א מקום פון ריינע חסדים מגולים [כידוע איז שערות בבחי' דינים], און דאס איז דער בחי' פון מחצית השקל דהיינו דער וועג וואס שניידט אדורך אינמיטן דער בחי' שקל, און לענינינו איז דאס דער עבודה פון אש קודש אויף אלע עניני קדושה בבחי' מטבע של אש.

**(ב)** ווי אויבן דערמאנט וויבאלד בחי' נצח והוד זענען דינידריגע ספי' ממילא איז שייך ביי זיי דינים, אזוי ווי דער בחי' שבירת הכלים.

דקדושה, און ממילא ווערט מען געראטעוועט פון די בחי' נש"ך וואס דאס איז דער בחי' פון די ש"ע נהורין דס"א וואס זיי טוהן צומישן דער מענטש און רח"ל באלייכטן און באשיינען בבחי' נהורין די פאלשע שלעכטע וועג, אבער אז מען איז זוכה צו דער בחי' פון ת"י נימין קדישין וואס דער עיקר עבודה צו דעם איז דער עבודת התפילה און בפרט די תפילות וואס גייען ארויף אויף תשובה שלימה, איז מען זוכה צו דער בנין בהמ"ק וואס כידוע איז דער בהמ"ק דער בחי' פון כתי"ת למאור להעלות נר תמיד, כידוע איז דער ערשטע ביהמ"ק געשטאנען ת"י יאהר, און די צווייטע בהמ"ק איז געשטאנען ת"כ יאהר, וואס דאס איז דער סוד פון כתי"ת למאור, און ווי עס ווערט געברענגט פונעם אר"י הק' (ספר הליקוטים כי תשא) אז כתי"ת איז מרמז אויף די ת"י נימין קדישין, ווייל דער אות י' במילוי יו"ד איז בגימ' כ' ממילא איז ת"י אויך דער בחי' פון ת"כ דהיינו כתי"ת, און ווי דער אר"י הק' שרייבט ווייטער איז דער ת"י נימין קדישין דער סוד פון שקל הקודש (ג) וואס דאס ווערט דורך דעם עבודת התפילות ויחודים.

**ג] און** עס ווערט געברענגט פונעם אר"י הק' אז עס איז פארהאנען א העכערע מדריגה פון די ת"י נימין קדישין, וואס בעצם געהערט דער שורש נשמת כ"י אין דעם העכערן מקום, וואס דאס איז דער "אורח" דהיינו דער וועג, וואס שניידט אדורך אינצווישן די ת"י נימין קדישין וואס די אורח איז ליידיג פון שערות, און די וועג ווערט אנגערופן בבחי' יסוד וואס דאס איז דער סוד פון מחצית השקל, דהיינו דער וועג וואס שניידט אדורך פונקט אינדערמיט פונעם ראש וואס די צוויי זייטן ווערן אנגערופן בבחי' נצח הוד, און עס שטייט אין מדרש תנחומא אז מרע"ה האט שווער פארשטאנען דעם ענין פון מחצית השקל ביז הקב"ה האט איהם געוויזן א מטבע של אש און געזאגט זה יתנו כל העובר על הפקודים, לכאורה איז שווער צו פארשטיין וואס איז געווען די גרויסע שוועריגקייט פאר משה רבינו צו פארשטיין דער ענין פון מחצית השקל, נאר דער ענין פון דעם איז אז משה רבינו האט זיך געזארגט אויף אונזער שוואכע דור דהיינו דער דור אחרון, וויאזוי וועלן זיי קענען זוכה זיין מעלה צו זיין דער נשמה צו דער בחי' פון ת"י נימין קדישין, אויף דעם האט איהם הקב"ה געוויזן א מטבע של אש און געזאגט זה יתנו, כידוע איז ז"ה דער בחי' פון יסוד (ד), דהיינו אז דער ערשטע עבודה זיך אויפצוהייבן צו הקב"ה און מתקן צו זיין מדת היסוד וואס איז בבחי' מחצית השקל, איז דורכן מטבע של

---

**(ג)** ווי אויבן דערמאנט אזוי ווי דער שקל איז דער בחי' פון נשיאת ראש אזוי אויך איז די ת"י נימין קדישין דער בחי' פון העכערן ראש.

**(ד)** כידוע איז בחי' ז"ה ל' זכר דהיינו דער משפיע, אזוי ווי דער יסוד דוכרא איז משפיע אויפן מלכות בחי' זאת נוקבא.

אש דהיינו אז דער עיקר תשובה דארף צו זיין מיט גבורה דקדושה, אן קיין שום פשרות וואס שטאמט פון מדת החסד (ה), און דאס האט הקב"ה געלערנט משה רבינו ע"ה אז הגם מען דארף אריינלייגן גרויסע כוחות צו מקרב זיין אפי' די נידריגסטע נשמות פון כ"י דורך תפילות און יחודים בסוד ת"י נימין קדישין וואס איז בבחי' אהבה וחסד, אבער אין עניני קדושה מעג נישט זיין קיין שום פשרות דהיינו ווי דער פסוק זאגט ז"ה יתנו כל העובר הפקודים, דהיינו ווען מען וויל מתקן זיין די נשמות וואס האבן נעבאך עובר געווען אויף די פקודי המלך ר"ל, איז דער עצה בבחי' מטבע של אש דהיינו מוחה צו זיין מיט די גרעסטע שארפקייט אויף יעדער פירצה אין די חומת הקדושה, און אוודאי דארף דער מלחמה זיין בנעימה ובשלום עס זאל נישט צוברענגען קיין מחלוקת, אבער אויף דעם דארף מען זיך פארלאזן אויף די הייליגע דרך וואס דער בי"ד טוהט אונז לערנען, כידוע פונעם הייליגן בעש"ט זי"ע אז דער בי"ד פונעם דור איז דער בחי' פון די מוחין הדור, דהיינו אז השי"ת איז משפיע אויפן בי"ד א גרויסע שפע פון חכמה בינה דעת וויסן ווי אזוי צו פירן כ"י אויפן ריכטיגן וועג.

**און** דאס איז וואס שטייט אין פסוק כי תשא את ראש בנ"י, דהיינו אז משה רבינו ע"ה וואס ער איז דער בחי' פונעם ראש און דעת דקדושה, ער האט דער כוח מעלה צו זיין און אויפהייבן דער נשמות פון כ"י, זיי זאלן זוכה זיין צו דער בחי' פון ת"י נימין קדישין, און ער האט אונז געלערנט דער וועג אז דער עיקר איז זיך צו שטארקן אויף די מידות פון חסד אהבה און רחמים, נאר זיך צו פירן בבחי' אש און גבורה כדי צו מקדש זיין שם שמים, און אזוי ווי מיר האבן געזעהן ביי אלע צדיקי הדורות זי"ע אז ווען עס איז געווען נוגע ביי א פירצה פון כ"י זענען זיי געווען בבחי' מטבע של אש מיט דער גרעסטע מאס גבורה אן קיין שום פשרות, מנצח צו זיין און מבער זיין די אלע חלקי הרע און קוצים פון כ"י.

**און** אויף דעם דארף מען זיך שטארקן צו גיין אין די דרך וואס בי"ד טוהט אונז ווייזן און מדריך זיין, און חלילה וחלילה צו רעדן שלעכטס אדער ח"ו מזלזל זיין אין זייערע הייליגע הנהגות, ווייל דאס איז ממש כאילו ער איז מזלזל אינעם בי"ד פון משה רבינו ע"ה, נאר אדרבה מען דארף האבן א מורא און א פחד פון יעדן בי"ד שבאותו הדור, און מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי ווייט דער מענטש איז זיך מזיק און איז פוגם בגופו ובנפשו ברוחניות ובגשמיות, טאמער איז ער נישט נזהר אין די הייליגע רייד פונעם בי"ד, און אסאך

---

**(ה)** לכאו' דארף מען פארשטיין כידוע איז דער עיקר תשובה דער תשובת המשקל, בבחי' אותו מקום ואותו זמן וכו', ממילא וואלט דער עיקר תיקון געדארפט זיין במידת חסד, דער פשט איז הא גופא וויבאלד דער מענטש האט ממעט געווען ביז יעצט אין אש דקדושה, דארף ער זיך מחזק זיין ביותר שאת בבחי' אש של קדושה.

מאהל גיט זיך דער מענטש א טראכט, פארוואס איז ער אין א מצב וואס ער קען נישט געהעריג דינען השי"ת כרצונו וכראוי לו באמת, נאר ער איז אנגעפוהלט מיט בילבולים און גרויסע ירידות ונפילות, דער תירוץ אויף דעם איז אז טאמער דער מענטש איז מזלזל אין כבוד חכמים און אין כבוד בי"ד און ק"ו טאמער איז ער בפועל עובר אויף זייערע הייליגע רייד, און ווער רעדט נאך טאמער דער מענטש איז עובר און איז פוגם אין עניני קדושה און צניעות וואס ווערן געברענגט בפירוש אין תורה שבכתב און אין תורה שבעל פה, דורכדעם לייגט ער זיך אליינס אריין אין א גרויסע הסתר פנים און חשכות וואס דאס שטערט איהם צוצוקומען צו זיינע אמת'ע מדריגות אין עבודת השי"ת, און דער עיקר עצה צו דעם איז זיך מחזק זיין און זיין שטארק מיט גבורה דקדושה אויף יעדער פירצה אין מדת יסוד דקדושה, און ווי דער הייליגע בעש"ט זי"ע האט געזאגט אז פאר ביאת משיח צדקנו וועט יעדער איד קענען זוכה זיין אנצוקומען צו דער מדריגה פון ת"י נימין דקדושה, און ווי דער מגיד הק' זי"ע האט געזאגט, אז זוכה זיין צו דער אמת'ע דביקות אין השי"ת איז נישט קיין שווערע זאך, אבער דער עיקר איז אוועקצוטרייבן און אויסרוימען די אלע מניעות וואס זענען מעקב צו די גרויסע מדריגות.

ד] **און** דאס איז דער ענין וואס מיר פירן זיך צו ליינען דער פרשה פון מצות שקלים צוזאמען מיט פר' משפטים, אזוי ווי חז"ל זאגן (עיין מכילתא משפטים) אז די סנהדרין אין ביהמ"ק זענען געזעצן נעבן דער מזבח, דהיינו אז זוכה צו זיין צו דער אמת'ע דעת דקדושה וואס דאס איז בבחי' ביהמ"ק, ווי חז"ל זאגן (עיין ברכות ל"ג) כל מי שיש בו דעת כאילו נבנה בהמ"ק בימיו, איז דער עיקר אז מען דארף זיך צוהערן און אויספאלגן די הוראות פון בי"ד וואס איז דער בחי' פון סנהדרין, און דורכדעם וועט ער זוכה זיין צו דער בחי' פון בנין המשכן, וואס צו דעם האט מען געדארפט האבן דער מחצית השקל.

**און** מען דארף וויסן אז יעדער פרט ופרט אפי' גאר א קליינינקייט וואס א מענטש טוהט זיך מחזק זיין בעניני קדושה וצניעות איז מורא'דיג הייליג און טייער ביי השי"ת, און יעדער קליינינקייט וואס א מענטש גיבט זיך אוועק פאר השי"ת איז ער מוסיף אויף זיך א גרעסערע אור בהמ"ק והשכינה, און אזוי אויך פארקערט ח"ו יעדער פגם וואס א מענטש איז פוגם בעניני קדושה וצניעות, איז עס א מורא'דיגע פגם אין אלע עולמות הק', און איז דורכדעם גורם צו דער הסתרות אור השי"ת, און הגם דער מענטש וועט טראכטן ביי זיך איך בין דאך אזוי נידריג און ווייט פון די אלע גרויסע מדריגות, וואס וועל איך שוין אויפטוהן מיט עפעס א קליינינקייט, דארף מען צו וויסן אז זוכה צו זיין צו שלימות דארף מען האבן א גרויסע סייעתא דשמיא און אין אמת'ן פאדערט נישט השי"ת פון אונז שלימות, נאר א מענטש דארף זיך מחזק זיין בבחי' מחצית השקל אפי' העלפט אפי' א קליינינקייט, וואס ער קען מתקן זיין ביי זיך אדער ביי זיך אין שטוב אדער ביי זיינע ידידים, און

דורכדעם וועט ער זוכה זיין ווי חז״ל זאגן (יומא ל״ט ע״א) אדם מקדש עצמו מעט מלמטה מקדשין אותו הרבה מלמעלה, און השי״ת וועט איהם מזכה זיין לישא שקל שלום בבית נכון ונישא, און הגם עס איז ידוע אז דער עצם לימוד התורה הק׳ איז מקדש דער מענטש בסוד הפסוק אלה תולדות יעקב יוסף, וכידוע איז יעקב בבחי׳ התורה הק׳ [איש תם יושב אוהלים] און יוסף איז בבחי׳ קדושה, אבער דאס איז נאר טאמער דער תורה הק׳ טוהט צוברענגען דער מענטש לעמוד על משמרת הקדושה והצניעות, דעמאלס העלפט די תוה״ק אז דער מענטש זאל נתעלה ווערן מעהר און מעהר.

**ה] און** עס ווערט געברענגט פון הרה״ק רבי פנחס׳ל קאריצער זי״ע, אז די הייליגע טעג וואס מען לייענט די ד׳ פרשיות, זענען מסוגל אז דער מענטש זאל נתעלה ווערן זוכה צו זיין צו דביקות אין פני אלוקים חיים, דהיינו אז הגם דער מענטש האט ביז איצט נישט זוכה געווען צו דער עבודת התפילה והקדושה, קען ער יעצט אין די הייליגע טעג זוכה זיין צו אן התעלות און התחדשות אין די ענינים הק׳, און בפרט אין דער הייליגע חודש אדר וואס כ״י האט מקבל געווען די תורה הק׳ מתוך אהבה, אזוי ווי חז״ל דרש׳נען (שבת פ״ה ע״א) אויפן פסוק פון מגילת אסתר קיימו וקבלו היהודים, קיימו מה שקבלו כבר דהיינו אז אין דער זמן פון חודש אדר קומט אראפ א נייע שפע פון קבלת התורה הק׳ בפנימיות, וואס דאס איז דער בחי׳ פון קבלת התורה באהבה (ו), אבער דער תנאי פון דעם איז ז״ה יתנו בבחי׳ מטבע של אש, דהיינו לוחם צו זיין מלחמת אש קודש אויף אלע עניני הקדושה.

**און** בפרט מיר וואס אונז געפונען זיך אין דער זמן פון לידת משיח, וואס אזוי ווי יעדער לידה איז דא פאר דעם חבלי לידה, וואס דער ביאור הענין איז אז דער סט״א וויל צושטערן און פוגם זיין אין יעדער נייע אור וואס קומט אראפ אויף דער עולם, איז ק״ו אז אויף דער גרויסע אור פון לידת משיח, טוהט ער זיך ארייגלייגן מיט אלע כוחות דאס צוצושטערן און דאס איז דער בחי׳ פון חבלי משיח (עיין שעה״כ פסח דרוש ק״ס), אבער די צדיקי הדור וואס זענען אין די בחי׳ פון מחצדי חקלא, דהיינו וואס זיי טוהן אויסרוימען די אלע דערנער פון דער פעלד פון השי״ת, און זיי טוהן מהפך זיין פונעם בחי׳ חבלי לידה צו דער בחי׳ פון אש קודש וגבורה דקדושה, און דאס איז דער בחי׳ פון פ׳ שקלים וואס א איד קען זוכה זיין צו דער גרעסטע תיקון דורכדעם וואס ער איז אן עומד על המשמר.

**און** דאס איז דער פשט דעה חכמה לנפשך והיא כתר לראשך דהיינו טאמער דער מענטש טוהט משגיח זיין און אכטונג געבן און מדקדק זיין, אין אלע עניני קדושה סיי ביי זיך און סיי ביי זיין

---

**(ו)** כידוע אז א זאך וואס ווערט געמאכט מיט אהבה, איז עס מיט גאר אסאך מעהר פנימיות, ווי ווען ער וואלט עס געמאכט דורך יראה. וד״ל.

שטוב, איז ער זוכה צו דער בחי' פון דעה חכמה לנפשך דהיינו דער המשכת החכמה, וואס דאס איז דער בחי' פון קבלת התורה פון חודש אדר, וואס דער ענין פון קבלת התורה איז כולל אין זיך אלע מדריגות אין עבודת השי"ת, איז ער דאס ממשיך אין זיין נפש, אבער דאס איז נאר טאמער דער מענטש פירט זיך מיט זיין נפש אין דער בחי' פון דעת וחכמה דקדושה, און דורך דעם איז ער זוכה צו די ת"י נימין קדישין וואס איז בסוד כתר לראשך, און דורכדעם איז דער מענטש זוכה צו דער בחי' פון נצור מצוות קדושך שמור שבת קדשך, דהיינו אז ער איז זוכה אז זיינע אלע מצוות און מעש"ט זענען בבחי' שבת קודש, וואס כידוע לייכט אין שבת קודש די גרויסע אורות פון די ש"ע נהורין קדישין, אבער ווי אויבן געשמועסט איז כדי זוכה צו זיין צו די ש"ע נהורין דקדושה, איז נאר מעגליך אויב מען פארטרייבט די בחי' פון נש"ך דהיינו די ש"ע נהורין דסט"א, דהיינו אפצוווענן און שוק"ל צו זיין בבחי' מחצית השק"ל אלע זיינע וועגן צו עס איז אויסגעהאלטן ווי דער רצון השי"ת איז, און ווען א איד וועט זיך אונטערנעמען זיך צו מחזק זיין בבחי' גבורה של אש, דהיינו זיך צוצוהערן אין דער קול פון די צדיקי ומנהיגי הדור, וועט ער זעהן במציאות א גרויסע פארענדערונג אין זיינע אלע ענינים הן ברוחניות און הן בגשמיות, ער וועט פיהלן א גרויסע אמת'ע דביקות אין השי"ת, און ווען ער וועט זיך מדבק זיין אינעם תורה הק', וועט ער פיהלן ווי דער תורה הק' איז נישט נאר בחי' חכמה נאר דאס איז בבחי' דעת, דהיינו דער התקשרות פונעם תורה הק' מיטן אייגענעם נשמה, און דורכדעם איז ער זוכה מעורר צו זיין די רחמי השי"ת צו משפיע זיין שפע קודש אויף כ"י, אבער זוכה זיין צו דער שלימות הקדושה, דארף מען אריינלייגן גאר גאר אסאך כוחות אין תפילות ותחנונים, אז השי"ת זאל איהם מזכה זיין און ער זאל זוכה זיין צו דער קדושה העליונה, און דורכדעם איז ער מעורר דער ברית השלום וואס הקב"ה האט כורת ברית געווען מיט פנחס וואס ער איז אליהו הנביא, וואס ער איז געווען דער מקנא קנאת ה' צבאות, און ער איז דער מבשר פון אלע מיני ישועות וואס מיר דארפן האבן.

**ז] והנה** עס ווערט געברענגט אז דער אריכות הגלות המר הזה, איז אלס כדי צו מתקן זיין דער חטא מכירת יוסף (עיין עץ הדעת טוב פ' ויצא), און ווי חז"ל זאגן (מדרש משלי א') אז די עשרה הרוגי מלכות (ז) זענען גע'הרג'עט געווארן דער

---

**(ז)** דהיינו בקיצור בשעת מכירת יוסף הצדיק איז געשעהן א גרויסן פגם, וואס בעצם איז עס נאך אלס נישט מתוקן בשלימות, אבער אין די תקופת התנאים הק' איז געווען א מצב וואס דער וועלט וואלט נישט געהאט קיין קיום פון רוב גודל משא הפגם, ממילא זענען געקומען די קדושים וטהורים מלאכי מעלה און זיך מוסר נפש געווען כפשוטו, כדי צו מתקן זיין דער פגם, און ממילא וואס מען טוהט אויף פארן תיקון

עיקר דורכן חטא מכירת יוסף, קומט דאך אוים אזוי ווי עס איז ידוע אז די עשרה שבטים די שבטי י–ה זענען מגולגל געווארן אין די הייליגע גרויסע תנאים די עשרה הרוגי מלכות, און עס איז קיין שום ספק נישט אז עס איז געווען א גרויסע צער פאר די שבטי י–ה, אז זיי זאלן אראפנידערן פון זייערע הייליגע מקומות אין גן עדן צו דער עולם השפל הזה, [הגם זייערע נשמות זענען מגולגל געווארן אין הייליגע מלאכי מעלה, עכ"ז איז עס געווען כלפי זייער גרויסע מדריגה אין גן עדן א ירידה], זעהן מיר פון דעם אז דער עיקר גורם פון חשכות און הסתרות פנים, איז ווען מען איז פוגם אין די בחי' פון יוסף הצדיק, און אפי' די קדושי עליון וואס מיר האבן נישט קיין השגה און אפי' אין א שמץ פון זייערע גדלות, אפ"ה האט הקב"ה איפגעפאדערט די חטא מכירת יוסף, ממילא דארף א מענטש זיך מחזק זיין און מפיץ זיין קדושה, ביי זיך און ביי זיין שטוב און ביי אלע זיינע באקאנטע, און ער זאל זיך שטעלן ווי א חומה בצורה, נישט צו לאזן דער משחית דער שטן ער זאל אריינקומען צווישן די הייליגע בחורים פון כ"י, צו מאכן ביי זייערע נשמות א גרויסע וויסטעניש און מורא'דיגע שרעקליכע חורבונות, וואס מיר האבן נאכנישט געזעהן און נישט געהערט זייט בריאת העולם, איז טאמער א מענטש וועט זיך מחזק זיין מיט אלע זיינע באהאלטענע כוחות וואס א איד פארמאגט, אזוי ווי מרדכי היהודי וואס ער איז געווען א יחיד וואס האט מחזיר בתשובה געווען גאנץ כ"י, און דורכדעם האט ער צוגעאיילט דער בנין בהמ"ק, און אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת קי"ט ע"ב) לא חרבה ירושלים אלא בשביל שפסקו ממנה אנשי אמנה, דהיינו מענטשן וואס זאלן מוסר'ן איינער דעם צווייטן, און אוודאי און אוודאי זיך מכניע זיין אונטער בי"ד און גיין אין זייערע וועגן, ואיש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק.

**ז] און** דאס איז וואס ווערט געברענגט אין די כוונות פון די ערשטע ברכה פון שמו"ע [אויפן ווארט ומגן] אז פון דער בחי' פון ש"ע נהורין דאריך אנפין ווערט נמשך אן הארה צו זעיר אנפין און די עצמיות הש"ע נהורין ווערט נמשך אויפן מלכות (ח), דער ענין דערפון איז אז דורכדעם וואס א מענטש איז זיך מדבק אינעם תוה"ק איז ער זוכה צו דער הארה פון די ש"ע נהורין, אבער טאמער דער מענטש דינט השי"ת בבחי' מלכות, דהיינו אז ער איז מגלה דער אמת'ע אמונה אין השי"ת אין דער עולם השפל, דורכדעם איז

---

הפגם נאך זייערע מסי"נ, איז אלס נאר בכוחם ובהשפעתם, און אזוי ווי מיר בעטן שטענדיג א–ל נקמות הוי"ה וגו' אז דער בורא כ"ע זאל שוין נקמה נעמען און זעהן דער גרויסער מסי"נ פון די הייליגע תנאים.

**(ח)** דער ענין בפשוטו איז וויבאלד דער עיקר ההשפעות דארפן אונז אויפן עוה"ז, וואס אונז זענען בבחי' מלכות [אין מלך בלא עם] אבער דער דרך ירידת ההשפעה איז דורכן זעיר אנפין וואס איז משפיע אויפן מלכות כידוע, ממילא בלייבט ביי איהר אויך א געוויסע הארה.

ער זוכה ארויסצונעמען און אויסלייזן די שכינה הק', וואס איז בבחי' אסתר המלכה דהיינו בבחי' הסתר פנים, וואס ווערט אנגערופן בבחי' אל"ם דהיינו אזוי ווי א שטומע מענטש, טוהט איהר דער מענטש אויסלייזן מיט תפילות ושירות ותשבחות בסוד תהלות לא"ל עליון ג"ו-אל"ם [גואלם], דהיינו אז ער טוהט באלייכטן דער בחי' פון יסוד דאבא (ט) וואס דאס איז דער אור התורה הק' און צוזאמען מיטן אור האמונה איז ער מגלה דער אמת'ע גילוי אלוקות און מלכות שמים, און וואס אויף דעם האט אסתר המלכה בבחי' השכינה הק' געוויינט און געשריגן אל"י אל"י למה עזבתני, וואס די צוויי שמות א"ל איז דער סוד פון ש"ע נהורין, [דהיינו א"ל במילוי איז בגימ' 185, צוויי מאהל א"ל איז ש"ע], און אויף דעם דארף מען ארייגלייגן גרויסע כוחות פון תפילה און הפצת הקדושה, וואס דורך דעם וועט ווערן דער יחוד פון מרדכי הצדיק מיט אסתר המלכה, און ממילא וועט מען קענען מכניע זיין די קליפות פון המן הרשע און עמלק וואס זיי זענען מרמז אויף די ש"ע נהורין דסט"א.

**און** אויף דעם דארף מען האבן דער בחי' פון משה רבינו ע"ה, דהיינו זוכה צו זיין צו דער דעת דקדושה, דהיינו דער בחי' פון מטבע של אש קודש, וואס דורכדעם איז מען זוכה צו דער בחי' פונעם פסוק שפכי כמים לבך נוכח פני הוי"ה, דהיינו די הארת פנים וואס דאס איז די ש"ע נהורין, און אזוי אויך דארף מען זיך מקשר זיין מיט צדיקי אמת וואס זיי זענען אין דער בחי' פון מרדכי הצדיק וואס איז בבחי' יסוד דאבא (י), וואס דורכדעם איז מען זוכה צו דער אמת'ע תיקון היסוד דקדושה, וואס איז בבחי' ובסוד הפסוק ובקשו את הוי"ה אלוקיהם [דהיינו בחי' תפילה] ואת דוד מלכם [בחי' יחודים התגלות המלכות], און צו דער קבלת התורה מיט אן התחדשות מתוך שמחה ואהבה וקיום אמיתי ואור פניך עלינו אדון נשא בביאת גואל צדק ברחמים בב"א.

---

**(ט)** דהיינו דער תורה הק' וואס איז בבחי' חכמה העליונה, בחי' אבא, און מאיר זיין דער תוה"ק דהיינו ממשיך צו זיין דער אור התורה הק' אויף דעם עולם איז דער בחי' פון יסוד דהיינו די השפעה דאבא פונעם חכמה.

**(י)** כידוע איז מרדכי הצדיק געווען פון די סנהדרין, און ער האט ממשיך געווען קדושת התורה אויף דעם עולם מיטן גילוי אלוקות.